STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12057

FELDER GRINEN

E. Rajzman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. רייזמאן

פעלדער גרינען

ל י ד ע ר

פארלאג „יידיש בוך"
ווארשע 1950

הילע פּראָיעקטירט פון

ק. ג ל ע ב

A. Rajzman

„FELDER GRINEN“

Wyd. „Idisz Buch“

Warszawa 1950

Druk. „Nowe Życie“ W-wa Al. Gen. Świerczewskiego 79. Zam. 665. B-1-120633

פאָרוואָרט

א. רייזמאַן איז נישט קיין יונגער דיכטער און נישט קיין אַנפאַנגער. ער איז געבוירן געוואָרן אין וואָלין אין יאָר 1904. זיין פאָטער איז געווען אַ גאַרבער. געענדיקט אַ פאָלקס-שול, איז א. רייזמאַן געצוואונגען געווען, צוליב דעם פאָטערס אָרעמקייט, גלייך צו גיין אַרבעטן. ער איז געוואָרן אַ קאַמאַשן־שטעפּער.

די אַרבעט האָט אים נישט צופרידנגעשטעלט. ער האָט געזוכט אַן אויסגאַנג פאַר זיינע גייסטיקע כוחות. האָט ער גענומען שרייבן לידער. אין יאָר 1930 האָט ער דעביוטירט מיט אַ ליד, וואָס האָט אויסגענומען. נאָר ווייטער איז ער נישט געגאַנגען. דאָס שווערע לעבן פון אַ פּראָלעטאַריער האָט אים נישט געגעבן די מעגלעכקייט און די צייט צו דערווערבן זיך מער וויסן און צו אַנטוויקלען זיין טאַלענט, הגם בחיפזונדיק האָט ער פון צייט צו צייט געשריבן.

אַ מעגלעכקייט צו שאַפן און שרייבן וואָלט ער באַקומען אין ראַטנפאַרבאַנד, ווו ער האָט זיך מלחמה־צייט געראַטעוועט. נו, איז דאָך עס געווען מלחמה־צייט, און דערצו איז ער ווייט געווען פון אַ יידישן שרייבער-צענטער.

ערשט אין אונדזער נייעם באַפרייטן פוילן, ווען א. רייזמאַן האָט זיך נאָך דער מלחמה אומגעקערט און זיך באַזעצט ווי אַ מיטגליד פון א יידישן פויערישן לאַנדווירטשאַפט־קאָלעקטיוו, האָט ער זיך א נעם גע־

באַן צום אַקער און צו דער פעדער צוזאַמען. ער האָט אָנגעהויבן זינגען נ יי ע לידער.

א. רייזמאַנס טאַלענט, וואָס האָט זיך אַלע יאָרן געשטיקט אין די באַדינגונגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, אָטעמט פרייער אָפּ מיטן דער רײנער לופט פון די באַפרייטע פוילישע פעלדער. און הײַנט צו טאָג זינגען נאָך א סך פון זײַנע לידער רויע שטיקער ערד און נייטיקן זיך אין דער געניטער האַנט פון אַ חברישן רעדאַקטאָר, איז צו האָפן, אַז מיט דער צייט וועט ער זיך אַנטוויקלען, ווערן אין זײַן שאַפן אַלץ זעלבשטענדיקער און אַרויסברענגען פון זיך די שעפערישע כוחות פון דער גאַנצער פאָלקייט, ווי די גוטע שוואַרצע ערד, וואָס ער באַגערט.

אויף היימישער ערד

רינט דער אָוונט דורך די צווייגן —
גליען שקיעות אויפן ראַנד.
איז דער הימל אַזוי נאָענט —
אָנגעצונדן מיט דער האַנט.

היים די לופט אַזוי און לויטער
ווי דורך זיפּן דורכגעזיפּט;
מיט דעם קלענסטן גרעזל כ׳פיל זיך
איצט געבונדן און געקניפּט.

פון באַגינען ביז פאַרנאַכטן
מיט אַ קאַסע לויטער גאָלד.
אָט די ברייטע קאָרנפעלדער
האָט מיין האַנט דאָס אויסגעמאָלט!

ביי דער זייט פון גרינע פעלדער
שטייען דעמבעס אין אַ ריי,
איבער זיי זיך ציען וואָלקנס — —
פולע וועגענער מיט היי.

גרויע וועגן. גרינע לאַנקעס.
און מיין קאַסע בליצט און גלאַנצט.
שיין מיין פעלד, ווי ס'וואַלטן שטערן
דאָרט געוועזן איינגעפלאַנצט.

שיינט מיין פעלד, עס בליצט מיין קאַסע,
גיי איך נאָך איר טראָט ביי טראָט,
כ'ווייס, אַז זאַט זיין וועט מיין דערפל,
מוועט נישט הונגערן מיין שטאָט.

דער שומר זעט . . .

שפילט די נאַכט אויף שטערן-נאָטן
אויס אַ טונקל בלויע גאַמע,
דורך פאַרוויכערט גלאָז עס קוקט
לבנה אויף אַ ליקוי-חמה ...

אויף איר אַקסל שלעפּט זי מיט
אַ נאַכט-מאַנטל פון געלע לאַטעס,
איר אַרום עס ברענען וואָלקנס
מיט אַ גערוך פון אַלטע שמאַטעס. . .

שווימט אַ בלאַנקע זעג פון ערגעץ,
די זקנה צו צעזעגן
פון אַ דעמב אַ קודלע-בעזעם
קערט איר בלוט אַראָפּ פון וועגן.

די לבנה צעקאַליעטשעט,
פול מיט רויטע גרינע פונקען
פאַלט פון הימל גלייך אין ברונעם,
ווערט אַזוי שוין דאָרט דערטרונקען. . .

און דער שומר אין אַ ווינקל,
שמייכלט מיד אין האַלבן דרימל,
קוקט מיט נעפּלהאַפטע אויגן,
אויף דער מאָדנער שפּיל אין הימל. . .

שפּילט די נאַכט אויף בלויע נאָטן,
וויל דער שומר מער נישט הערן,
גענעצט ער, און גענעצט אויס
די נאַכט צוזאַמען מיט די שטערן. . .

רחלס גאָרטן

געהאָרוועט, געגראָבן פון פרי ביז ביינאַכט
האָט רחל לעם הייזל אַ גאָרטן געמאַכט,
פאַרזעצט דאָרטן ציבעלעס, דיניעס, און קרויט,
און מערן, און מאָן לעבן דראָטענעם פלויט.

ס'וואַרט רחל אויף רעגן, זי וואַרט און זי וואַרט;
די טעג שמאַכטן דורשטיק מיט ציגנער פאַרדאַרט;
אין הימל אַ קופּערן וואָלקנדל שווימט —
אַ ליידיקער לאָגל — אין רוים עס צערינט.

אַ קרענקלעכע געלקייט דעם גאָרטן פלעקט אויס
און רחל טראָגט וואַסער טאָג איין און טאָג אויס
און גיסט אויפן גאָרטן: צעגרינט זיך אַ מאָך,
און ס'לעכצן די גרעזלעך און בענקען נאָך נאָך.

נאָר איינמאָל, אַזוי אין אַ הייסן פאַרנאַכט,
אַ דונער צעקייקלט זיך איבער איר דאַך;
עס פלאַטערט אין דרויסן אַ זילבערנע טויב
און גלאַנציקע פּערל צעשיט אויף דער שויב.

אין אָוונט איז רחל צום גאָרטן אַרויס:
לבנה אין הימל — אַ דיניע די גרויס;
דער הימל איז טיף אַזוי, לויטער און פיין
און שיט איר די שטערן אין פאַרטעך אַריין.

דער מאַן זיך צערויטלט, עס גרויט זיך דאָס קרויט,
די מערן זיך קרייזלען ביים דראָטענעם פלויט,
די ציבעלעס פלעכטן זיך אויס אין אַ קראַנץ —
עס ווינקען די פעלדער אַהערצו מיט גלאַנץ.

צעשמייכלט זיך רחל אין חידושלעך טראַכט:
האָב איך דאָס אַליין אָט דעם גאָרטן געמאַכט?!
עס זילבערן שטערן אין גאָרטן אויף ד׳ערד
און ס׳קלייבט זיי אויף רחל אין פאַרטעך פאַרקלערט.

קאַניע־גורע 1948.

איך האָב די זון
אין מיין אַקער געשפּאַנט

איך האָב די זון אין מיין אַקער געשפּאַנט,
אַזוי ווי מען שפּאַנט איין אַ פּשוטן פערד.
איך האַלט אירע גאָלדענע לייצן אין האַנט.
אויף טונקעלע פּאַסן צעשנייד איך די ערד.

פון וועלדער ביז וועגן זיי שוואַרצן אַרויס
פון אונטער מיין אַקערס פאַרעקשנטן גאַנג,
ווי פערזן צו פערזן זיי שורהן זיך אויס — —
אַ פויעריש ליד, אַן ערדיש געזאַנג.

מיט גרעזעלעך יונגע דאָס פעלד איז באַשפּרינקלט,
אין ווייכקייט פון שוואַרץ־ערד פאַרזונקען די טריט;
אַ בלאַסער אין טיף־בלויען הימל, פאַרווינקלט,
מיין סערפּ הענגט אַ גרייטער צום פריידיקן שניט.

אַ טראָפּן שווייס

אינטער דינעם פּאַרהאַנג וועבט זיך דער באַגינען,
אינעם טוי אַ טראָפּן שווייס איך האָב געפונען.
פון וועמענס שטערן איז ער דאָ אַראָפּגעפאַלן?
אַנגעצונדן האָט ער זיך פון יונגע שטראַלן —

אַ טראָפּן שווייס, וואָס האָט אין דימענט זיך פאַרביטן —
מיר האָבן נעכטן דאָ צוזאַמען היי געשניטן,
ס׳האָבן קאָסעס פון דער פרי ביז נאַכט געקלונגען
און מיר האָבן טראָפּנס זאַלציקע געשלונגען.

אונטער דינעם פּאַרהאַנג וועבט זיך דער באַגינען —
אינעם טוי אַ טראָפּן שווייס איך האָב געפונען.
טאָ זאָל געבענטשט זיין יענער אָפּגעברענטער שטערן,
צו וועלכן דער טראָפּן שווייס זאָל נאָר געהערן.

פּאַריז-[illegible] 1948.

מיין שוועסטער

כ׳וועל וועקן די נאַכט פון איר טונקעלן שלאָף
אויף פעלדער, און וועלדער, און ימען:
— מיר האָט זיך געחלומט מיין שוועסטער — שטיי אויף
און לאָמיר זי זוכן צוזאַמען.

כ׳וועל וועקן דעם וואַלד ביי דעם ראַנד באַרג ארויף:
אַ, פריינט מיינער, טייערער, בעסטער,
אין הימל א סטאַדע פון זילבערנע שאָף — —
דו זעסט נישט אַמאָל דאָרט מיין שוועסטער?

כ׳וועל וועקן די פייגל, וואָס רוען אין טאָל,
אויף אַלע פאַרבאַרגענע וועגן:
— האָט אפשר מיין שוועסטער פאַרבלאָנדזשעט אַמאָל?
אַ. לאָמיר איר פליען אַנטקעגן.

כ׳וועל פליען אויף פליגל פון חלום פון מיין,
אויף אַש-פעלדער, אָפענע גריבער,
אַ וויי מיר און ווינד, כ׳בין שוין לאַנג דאָס געביין,
פון מיין טייערער שוועסטער אריבער.

כ׳וועל וועקן די ראַזקייט פון ערד אין קאַיאָר,
די קרוין פון קאַיאָר אין באַגינען.
צוזאמען מיט איר אין געזיכט פון דער זון
כ׳וועל מיין טייערע שוועסטער געפינען.

עס גייט נישט מיין פענצטער
ארויס אויף קיין וואנט . . .

עס גייט נישט מיין פענצטער ארויס אויף קיין וואַנט.
עס שפּיגלט מיין פענצטער מיט גאָלד פונם ראַנד,
מיט פעלד און מיט וואַלד, מיט קוסט און מיט בוים,
מיט טיפקייט מיט בלויער פון לויטערן רוים.

אום זומער מיט קאָרן, מיט ווייץ און מיט היי,
אום ווינטער מיט ווייסן צעבלענדעטן שניי.
מיין פענצטער, פון וואַנטישע צוימען באַפרייט,
קוקט אזוי קלאָר איבער ליכטיקער וויט.

האַריקע וואלקנס צעצינדענע בערן,
עס גליצערן, ציטערן זילבערנע שטערן,
אין טונקעלן רוים האַלב לבנהדיק פריי,
שיפט זיך אן אָוונט מיין פענצטער פארביי.

עס גייט נישט מיין פענצטער ארויס אויף קיין וואַנט,
עס שפּיגלט מיין פענצטער מיט גאָלד פונם ראַנד,
מיט גאָלד שיינען דעמבעס, צעשטעלט ביי די וועגן;
מיט גאָלדענעם סערפּ, מיינע טעג כ׳גיי אנטקעגן.

קאַניע־גורע.

וואַלענטי דער פישער

דאָס אויג פון אַ לייכט־טורעם ציטערט און גליט אין דער ווייט,
דער שטראָם פון דער אָדרע שלעפט מיט אויף זילבערנער קייט.

ערגעץ־ווו אַ פלעמל שווימט אום, ווי דעם טייכס אַ געדאַנק —
עס וויל היינט וואַלענטי דער פישער פאַרטאָפּלען זיין פאַנג;
ער האָט זיך געוועט, און ער טאָר דעם געוועט נישט פאַרשפּילן,
נו, שיפּט ער זיך אום אויפן טייך אויף דעם נאַכטישן שטילן.

ער האָט אין זיין נעץ פונעם טייך שוין געפאַנגען די שטערן,
עס הייבט אָן זיין שיפל פון שיפן באַזילבערט צו ווערן;
ער קען אים, דעם טייך, און ער ווייסט זיינע ברייטן און טיפן —
עס קריכן די פיש אין זיין נעץ, ווי ער וואָלט זיי גערופן...

ער טראַכט — זיין וועגדקע פאַרפעדעמט אין וואַסער.
עס לעשט זיך די נאַכט און די אָדרע ווערט בלאַסער און בלאַסער.
וואַלענטי, באַשיינט פונעם אויפגאַנג, אַ רויטער ווי צונטער,
שטאָפּט אָן זיין ליולקע, פאַרויכערט און שמייכלט זיך אונטער:

אויף מאָרגן אַרויסרופן וועט ער פון צווישן די פישערס דעם בעסטן,
און זאָל מען זיך פּרוּוון מיט אים, מיט וואַלענטין פאַרמעסטן...

מיין הויז

נישט ווייט פון וועג עס שטייט מיין הויז,
די פענצטער בלוי, דער דאך איז רויט,
עס שיינט פון דעם די זעט ארויס
פון מילך, פון קעז און שוואַרצן ברויט.

געמישט מיט שטערן, האָט מיין ברויט
געבליט צוזאַמען מיט מיין פרייד —
איך האָב אליין מיט מיינע הענט
דאָס פעלד צעאַקערט און פארזייט.

נישט ווייט פון וועג עס שטייט מיין הויז,
די פענצטער בלוי, דער דאַך איז רויט,
און יעדן וואַנדערער פאַרבעט
אויף מילך, און קעז, און שווארצן ברויט.

כאַנ־יע־גורע.

* * *

מיין פריינט, דאָ שטייט מיין הויז,
נישט ווייט פון דעם — דער וועג;
עס דרימלען מיד אויף אים
די האָרעפּאַשנע טעג.

דאָ בויען שוואַלבן זיך א היים,
דו זעסט, מיין פריינט, דו זעסט?
ערשט נעכטן אין די שנאָבלען ליים,
און איצט שוין גרייט די נעסט.

ערשט נעכטן וויסט געווען ארום,
און היינט א יעדעס גרעזל לעבט,
און אויף מיין שויב די זון אליין
א פאָרהענגל זיך וועבט.

אויף אַלץ ארום, מיין פריינט,
דאָ בלויט און בלויט מיין טרוים,
און מיין נשמה פלאַמט
אויף אַ סאָסנע־בוים...

דער שומר

עס שלאָפט דער הויף, דאָס דאָרף ארום — דער שומר שלאָפט נישט;
א סאָווע עקבערט דורך די לופט — דער שומר הערט נישט.
שטיל שפּאַנט ער הין און צריק פון שטאַל צום טויער,
און צו די שוואַרצע קוסטעס שטרענגט ער אָן דאָס אויער.

עס שרעקט אים עפּעס, עפּעס קומט אים אויפן זינען.
ער קוקט צום ראַנד — א שעה נאָך דריי איז צו באַגינען.
ער זעצט זיך צו, די ביקס איז גרייט און אָנגעלאָדן:
אין פערד-שטאַל זאָל אַמאָל נישט זיין קיין שאָדן.

עס שטייען שייערן געפּאַקטע ביז די דעכער,
לעם זיי א סטויג, וואָס שטאַרצט ארוים נאָך העכער.
דורכן הויף, עס איז א שטערן געפלויגן,
און ביי דעם שומר עס קלעפּן זיך אזוי די אויגן.

נאָר פלוצלינג קלינגט דער גלאָק אין הויף, א מאָדנער טומל,
אוי, פייער! פייער! עס רויטלט זיך דער גאַנצער הימל.
עס קומט א שאָטן פון די קוסטעס אָנצוקריכן,
און דרינגט אריין אין דערפל רויב צו זוכן...

ער רייסט די אויגן אויף, נאָר אָנשטאָט פייער,
דער שומר זעט: די זון, זי שמייכלט אויפן שייער...

אין שאטן פוי קאשטאנעי

איך זיץ אינם שאָטן פון אַלטע קאַשטאַנען
צעכראַסטעט, אין שטיוול פאַרשטויבטע — א פויער...
ס'איז האַלב־טאָג, די זון ציטערט בלאָס אין א ריטשקע,
א הימל זיך שרפה'ט א טונקעלער בלויער.

אָרום שטייען שייערס פאַרתמ'טע,
עָס זילבערן רינוועס אויף ראַנדן פון דעכער,
די וועלדער זיך בלויען מיט קודלעס פאַרקאַמטע,
אויף זיי שפּרייט א וואָלקן זיך אוים ווי א פּעכער.

איך זיץ אינם שאָטן פון אַלטע קאַשטאַנען,
אין סאָד מיר אַנטקעגן זיך רויטלען די עפּל,
און איבערן סאָד א פאַרמאַטערטע שלעפּט זיך
די זון — גייט אַראָפּ אַלע ווייל פון א טרעפּל.

פרילינג אין דערפל

א ווארעם ווינטל פרילינגט פון דעם וואלד,
עס גרינען אויף די קוסטעס נעבן פלויט,
און אלע זייטן ווי דער בליק נאר פאלט,
שפרייט זיך אוים דאס ווינטערדיקע ברויט.

די אקער-אייזנס און די זיי-מאשין
זיינען גרייט שוין ארויסצורירן אין פעלד,
ס'האט אין קוזניע שוין דער יונגער שמיד
וואגנס נייע אויפגעשטעלט.

די שימלדיקע פייכטקייט פארעט אוים,
עס אטעמט אויף דער דעמב מיט פולער ברוסט,
א טשאטע הינער דארטן נעבן שטאל
שארן מיט די פיסלעך אויפן מיסט.

זיין ווילע האט דער פויער פארריכט
די קאסע זיינע אויסגעשארפט געניט,
ער שפאנט די פערד, ס'איז לעבעדיק אין דארף,
און קאניע-גורע רוישט ווי אין א מיל.

היי־שניט

דער שטערן נאָס. די לופט צעבערענט.
די קאָסע זינגט אין מיינע הענט.
אַרום איז שטיל, די פעלדער בלויען מיד.
דאָס קאָרן ציט זיך רייען־ווייז, ווי שורות פון אַ ליד.

עס שטייט דער באַרנבוים אין פעלד און טראַכט:
ווער האָט עס אים אַן איינזאַמען אַהער געבראַכט?
ער שפּיגלט זיך אין טייכל, וואָס דאַנעבן פּליסט,
און זיין קודלאַטער שאָטן ליגט ביי זיינע פיס.

כ'איז שטיל, פון צייט צו צייט אַ בין נאָר טוט אַ זשום.
עס וואַלגערט זיך דער טאָג אין פעלד אַרום,
צעהאַקט פון קאָסעס, אויסגעמישט מיט היי אויף קילער ערד.
און פורן פול־געלאַדענע עס ציען קוים די פערד...

דריי קברים

דריי טונקעלע בערגלעך ביים ראַנד פון א װעלדל —
דריי בערגלעך — דריי יונקערשע קברים.
דורך נעכט שרייען סאָװעס מיט שטעכיקע קולות,
עס שװידערן שטיל אינעם װעלדל די צװייגן...
לבנה שװימט אויף א צעגליטע אין הימל —
א בלוטיקן קראַנץ אויף די קברים צו לייגן.

א טראַקטאָר

זיין אייזערנע הויט איז פון זשאַװער צעפרעסן,
שוין האַלב איינגעזונקען א שװאַרצער סקעלעט,
עס האָט אים די צייט נישט אינגאַנצן פארגעסן —
פון מאָך א געלעגער אים אונטערגעבעט.

עס בענקט דער סקעלעט און ער קוקט צו די פעלדער,
ארום אים די קראָפּעװע גייט אויף און בליט,
װי איז ער פאָן װעדל, מיין פאָריץ דער יונקער,
נאָר פלוצלינג פאַר אים גאָר עס װאַקסט אויס א ייד...

א ייד, װי א דעמב מיט אַ פּאַטלע א שװאַרצע,
ער שמייכלט, דעם פוסטן סקעלעט ער באַטראַכט,
נישקשה, ביי מיר װעסטו לעבעדיק װערן,
פון ערגערן ברוכװארג א לייט שוין געמאַכט.

פון דאַנען אַ גווינטל, פון דאָרטן — אַ שרייפל —
און זישע דער שלאָסער, אַזוי ווי אַ בין,
ביי טאָג און ביי נאַכט נאָר ער פּיילט און ער מייסטערט
און פון דעם סקעלעט איז אַרויס אַ מאַשין.

איצט פאָרט ער אין פעלד שוין— און ס׳דרייען זיך סקיבעס
איינע אויף צווייטע מיט שוואַרצן אַרויף,
און ס׳פּעכקעט דער קוימען מיט רייפעלעך בלויע,
וואָס דרייען זיך איין אין דער לופט ווי אַ שרויף.

און זישע דער שלאָסער — ער קוקט און ער שמייכלט,
די בלוזע פאַרפּעצט, און די פּאַטלע איז שוואַרץ,
און הערט ער דאָס קלאַפּן פון טראַקטאָר — דערפילט ער,
עס קלאַפּט אין דעם אייזערנעם אינגעווייד זיין האַרץ.

בלייב מיין פריינט...

בלייב מיין פריינט,
נאָך וואָס איז דאָס געיעג?
באַלד וועט אָנהויבן צו טאָגן,
וועסטו מיט פרידן גיין דיין וועג.

בלייב מיין פריינט,
ס'איז מיין שטוב נישט איבעריק רייך —
זעסט: מיין פעלד ציט זיך בלויז
פון וועלדל ביזן טייך...

זעסט די דעמבעס ביי מיין פענצטער,
ביי מיין הויז זיי האַלטן וואַך
און די שקיעה, וואָס צעגליט זיך
אַלע אָוונט אויף מיין דאַך.

בלייב מיין פריינט,
נאָך וואָס איז דאָס געיעג?
באַלד וועט אָנהויבן צו טאָגן,
וועסטו מיט פרידן גיין דיין וועג.

מיין ליד

אין סקיבעס פון אַקער עס גייט אויף מיין ליד.
אין אויפגאַנג באַגינען אויף לאַנקעס עס גליט,
אין הודזשען פון טראַקטאָר איך הער זיין געזאַנג,
אין קוזשניע מיט פונקען צעשפריצט זיך זיין קלאַנג.

מיין ליד איז דאָס שוואַרצע, דאָס קאָרענע ברויט,
אַ נייע געביידע אין דאָרף אויסגעבויט,
אַ הילכער פון ראַדיאָ, עלעקטרישע ליכט,
וואָס שיינט ווי אַ זון אונטער כאַטישער סטריך.

פרילינג...

פריש אויסגעוואַשן, די ריטלעך צעקעמט,
שטייט אַ בערעזע אין שניי־ווייסן העמד,
פוצט זיך אין שטראַלן, אין בליאיקע קרעלן,
איר שכן, דעם יונגינקן דעמב צו געפעלן.

ס׳איז פרילינג. ס׳האָט הימל דער טונקעלער ערד
בלוי־אויגיק אַ לויטערע ליבע דערקלערט.

צווישן די רעשטלעך פון שניי וואָס צעגייט,
אַנטפּלעקט זיך דער ווייץ אין אַ גרין זיידן קלייד.
לכבוד דעם קאָרן: זיי זיינען אין שנייאיקע טעג,
געלעגן באַנאַנד אונטער איין ווייסער דעק.

ס׳איז פרילינג. ס׳האָט הימל דער טונקעלער ערד
בלוי־אויגיק אַ לויטערע ליבע דערקלערט.

אַ קירגיזישער פאַרנאַכט

איז שטיל אַרום. איך רייט דאָ און רייט,
עס פלעכטן זיך בערג אין אַ גאָלדענער קייט,
אויף שפּוּעים עם גליווערט דער שימל פון צייט,
עס ברענט פון פאַרגאַנג אַ קורגאַן אין דער ווייט.
אָט שפּרייטן זיך סטעפּעס, עס רוישט אַן אַריק,
אויף זאַמדן — אַ צענדליק קיביטקעס פון ליים,
אויף אַ קליינינקן פערדל אַן אַלטער קירגיז
טרייבט מיט אַ לידל די סטאַדע אַהיים.
„אמאַן יאַלדאַש! וווּ טראָגט דיך כּודאַי?
ווער ביסטו: אַן אורוס״, צי גאָר אַ „יאַברעי״?
דער אַלטער, אַליין אַ טשאַבאַן אין קאָלכאָז,
אַ זון אויפן פראָנט אין דער רויטער אַרמיי.
ער איז שוין, דער אַלטער, אין מעקאַ געווען,
דעם שטיין און דעם הייליקן קבר געזען...
זיין בערדל איז ווייס און זיין גאַרטל איז רויט,
ער גרייט זיך — כּמעט מיט אַ שמייכל — צום טויט...

מיר רייטן צוזאַמען צום דאָרף טאַש-אַריק,
פון ווייטן, ביז וואַנעט עס גרייכט נאָר דער בליק,
טויכט אויף אַ מעטשעט, נאָר שטילער, נאָר שאַ —
עס שלאָפט אין זיין אייביקן שלאָף דאָרט אַלאַ...
ביז עס טרייבט דער קירגיז זיינע שעפּסן אַוועק,
„כּאַש״! און איך רייט אין דער טונקל מיין וועג...
אַ נאַכט אין קירגיזיע, אַ מייסטעריש ווערק,
און איך בין איר חלום, צווישן די בערג.

טאַלאַס (קירגיזיע) אין יולי 1943.

אויפקלערונג: „אורוס״ — אַ רוס; „יאַברעי״ — אַ ייד; „כּאַש״ — זיי געזונט

מיט דער שקיעה

איך שטיי א פאַרטראַכטער ביים וואַלדיקן ברעג,
מיין שאָטן דערגרייכט ביז צום ראַנד פונעם וועג.
עס קלאַמערט אַ שטראַל זיך ארום מיינע הענט,
און ערגעץ אין וויַיטקייט א פענצטער צעברענט.

אויף גאָלדענע זאַנגען צעשפּילט זיך אַ ווינט,
מיין קאָסע אין גינגאָלד אין רויטן צערינט.
א גליאיקער וואָלקן הויבט אויף זיך אין רוים,
דער טאָג אַ פאַרבלוטיקטער הענגט אויף אַ בוים.

די שקיעה אין מערב-זייט לעשט זיך, צעגליט,
ס׳גייט אויף אויף די פעלדער אן אוּונטיק ליד.
דאָס טייכל פאַרציט זיך מיט נעכט און מיט שליים,
אַ זילבערנער שטערן באַגלייט מיך אַהיים.

וואַקסטוזשע קינדער

פּרוכטבאַר איז ביי אונדז דער באָדן
וואַקסטוזשע קינדער ווי די בלומען.
ס'איז אַ דור אין פּלאַץ פאַרגאַנגען,
טרייסט זיין אַש מיט אייער קומען.

וואַקסט ווי זאַנגען אויף די פעלדער,
ווי אין הימל קלאָרע שטערן —
ס'איז אַ דור מיט רויך פאַרשוווּמען,
זאָל פון אייך אַ נייער ווערן.

אויף די ליפּלעך יידיש לשון,
שוואַרצע אייגלעך, שוואַרצע קרויזן,
מיט אַ יונג און פריש געלעכטער —
וואַקסטוזשע קינדער ווי די רויזן!

איר זאָלט וואַקסן, ליבע קינדער —
שטאָלצע יידן, פרייע מענטשן
ווען דער הימל און די ערד אייך
ווי אַ טאַטע־מאַמע בענטשן.

ביי דעם האַמער און דעם אַקער,
ביי מאַשין, ביים סערפּ דעם שאַרפן,
ביי דער זעג און ביי דער קעלניע,
ביי דער ביקס, מען זאָל נישט דאַרפן.

קינדער שטערן, קינדער זונען,
וואַקסט ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן,
זאָל דאָס ליכט פון אייער קומען,
שיינען העל אויף אַלע וועגן.

שטשעטשין, 1949.

פאר רעגן

העי, חברים טוט א קוק
אויפן וואלד: עס שווימט א בער,
ברייטער ווערט ער שווארץ און דיק,
ער פארנעמט זיך גלייך אהער. . .

באצייט די סטויגעס מיט ברעזענט,
ביז עס וועט די זון פארגיין,
גיכער לייגט דאָרט צו די הענט:
ס׳קאָן ביינאכט א רעגן זיין.

טוט זיך, חבר׳ה, נאָר א נעם,
דעקט די סטויגעס גיכער צו,
אין זיי ליגט דאָך אונדזער שוויים,
כ׳ליגט אין זיי דאָך אונדזער מי. —

קלינגען ווידלעס אויף און אָפּ,
ברענט די ארבעט אין די הענט.
שטייט א סטויג מיט ווייץ אין פעלד,
אָנגעצויגן מיט ברעזענט.

שפאלט א בליץ אדורך די לופט,
און דער הימל זיך צעפראלט,
ערגעץ קייקלט זיך א בארג
אין די הייכן און צעפאלט.

מיט א פאנצער אָנגעטאָן
יאָרן קאָנען סטויגעס שטיין.
לאָזן חברה זיך א היים,
דורכגעווייקטע ביזן ביין...

פרימאָרגנדיק בלענדן
די פעלדער אַרום

פרימאָרגנדיק בלענדן די פעלדער אַרום,
אין זונשיין דאָס פעלד איך דערזע נישט,
מיין קאָסע צעזינגט זיך מיט לייכטן געזשום,
מיינע אייגענע הענט איך דערקען נישט.

זיי זיינען איצט האַרטע, ווי שטאָל, מיינע הענט,
ווי בראָנז זיינען מיינע מוסקולן,
זיי האָבן די דערנער אין פעלד אויסגעבערענט,
מיט גרינגקייט די לאַנקעס באַמאָלן.

איך טרעט אויפן פרישן געשניטענעם היי,
עס פלוידערט פאַרשלאָפן דאָס קאָרן,
עס זינגט אַלץ אַרום, און איך אין דער מיט
צווישן לידער אַ ליד בין געוואָרן.

צעשטראַלט זיך מיין בליק אויפן זילבערנעם ווייץ,
מיט האַלב איינגעבויגענע זאַנגען;
מיין קאָסע זי זינגט מיר דאָרט: איך פאַרשטיי
פון איר שטאָלענער בלויקייט די קלאַנגען.

פרימאָרגנדיק בלענדן די פעלדער אַרום,
אין גינגאָלד די טעג זיך צערינען.
און דאָס, וואָס מיין קאָסע פאַרשניידט — אויף דאָס נײַ
הייבט אָן דורך מיין פעדער צו גרינען.

מיין היים

ברייטע און לאנגע, עס גרויען די היימישע וועגן
עס שפיגלט זיך פריפעט דער טייך ביי מיין טיר.
אנטקעגן דער קלויסטער עס שפיגלט זיך דער גאלדענער
פון ווייסן שטרוי־דאכיקן דארף אלאזיק.

ווי הינדעלעך בריען זיך זונען אין גאלדענע נעסטן,
אין וואלדיקע בלויען וויקלען זיך רחבותן איין,
און וואלקנס — צעשרפעטע הימלישע ברייטקייטן מעסטן,
איינער אזוי־א דעם צווייטן און שלינגען זיך איין.

אינמיטן פון פעלדישער פרייהייט — מיין שטעטעלע ראטנע,
מיט הייזל צו הייזל געטוליעט צופיסנס דעם שליאך,
מיין הויז, און די בלייכע טאפאלעס אנטקעגן מיין פענצטער,
וואס פאכעט באגינען די שאטנס אראפ פון מיין דאך.

א שטראל שפרייזט דער ערשטער אריבער די שוועל פון פרימארגן
און צינדט אן מיט גאלדענעם שמייכל די גרוילעכע ווענט — — —

און איצט ליגט אין חורבות מיין שטעטעלע ראטנע,
אין זייערע אשן מיין היים ליגט פארברענט —

א בערגל מיט ציגל, מיט ברוכווארג און מיסט אנגעוואלגערט,
איך נישטער א זכר פון אלץ, וואס געווען איז מיר ליב —
א שטיקל פאפיר א באשריבנס — מיין האנטשריפט דערקען איך:
אויפן דאזיקן ברוכווארג געווען איז מיין שטוב.

אט דא איז מיין הויז דאך געשטאנען מיט פענצטער צום אויפגאנג —
איצט צינדן זיך שקיעה־מנורות מיט רויטן געוויין,
און שטראלן, וואס שפרייטן אריבער די שוועל פון באגינען,
פאלן אין אפענע קברים אריין.

א גרוס דעם שטאָטישן טויער

וער קאָן אַזוי פריי זיין, ווי איך?
אויף מיר שיינט אַ הימל אַ בלויער —
אַ פרידלעכן גרוס פון מיין דאָרפישן סטריך
דיר — שטיינערנער שטאָטישער מויער!

עס הודעט אין אינגעווייד דיינעם און זידט—
מיט טראַקטאָרס מיין פעלד וועסטו באַזאָרגן;
מיט רייפקייט פון ברויט און מיט שניטעריש ליד
אין פענצטער וועט אויפגיין מיין מאָרגן.

אין גאָרטן אין מיינעם וועט אויפגיין אַ רויז,
דעם קאָפּ צו דער בלויקייט פאַררייסן;
מיט ליבע כ׳וועל קומען טאָג־איין און טאָג־אויס,
מיט וואַסער די רויז צו באַגיסן.

איך וועל זי דיר ברענגען — מיין אייגענער מי
אַ געשאַנק פון אַ יידישן פויער
אויף אייביקער פריינדשאַפט צווישן מיין סטריך
און שטאָטישן שטיינערנעם מויער.

ווער קאָן אַזוי פריי זיין, ווי איך?
אויף מיר שיינט אַ הימל אַ בלויער.
געבענטשט זאָל זיין דער טאָג — וואָס מיין סטריך
האָט פאַרברידערט מיט שטאָטישן מויער.

קאָניע־גורע — 1949.

א י נ ה א ל ט:

1. פאָרוואָרט	3
2. אויף היימישער ערד	5
3. דער שומר זעט...	7
4. רחלס גאָרטן	8
5. איך האָב די זון אין מיין אַקער געשפאַנט	10
6. אַ טראָפּן שווייס	11
7. מיין שוועסטער	12
8. עס גייט בישט מיין פענצטער אַרויס אויף קיין וואַנט	13
9. וואַלענטי דער פישער	14
10. מיין הויז	15
11. ***	16
12. דער שומר	17
13. אין שאָטן פון קאַשטאַנען	18
14. פרילינג אין דערפל	19
15. היי-שניט	20
16. א) דריי קברים ב) אַ טראַקטאָר	21
17. בלייב מיין פריינט...	23
18. א) מיין ליד. ב. פרילינג...	24
19. אַ קירגיזישער פאַרנאַכט	25
20. מיט דער שקיעה	26
21. וואַקסטזשע קינדער	27
22. פאַר רעגן	28
23. פרימאָרגנדיק בלענדן די פעלדער אַרום	29
24. מיין היים	30
25. אַ גרוס דעם שטאַטישן מויער	31